**גליון ג'**
ערש"ק פר' וארא תשפ"א

הגליון נערך לע"נ מרת **לאה חי'** בת ר' אברהם ע"ה **ניימאנן**

# א מחי'!

16 טיפס פאר א
## געשמאקע
אידישע לעבן

בפיקוח הרה"ג דומ"ץ
טאהש מאנסי שליט"א

# יסוד #6
# זיי אויפגעלייגט!

1. זיי בעה"ב
2. זיי מענוג
3. זיי געזונט און שטארק
4. זיי א מאן
5. זיי א טאטע
6. זיי אויפגעלייגט
7. זיי אומאפהענגיג
8. זיי רייך
9. זיי מסודר (דו האסט שוין איינמאל צייט...)
10. זיי א לערנער
11. זיי א דאווענער
12. זיי גוט
13. זיי דאהי
14. זיי שטום
15. זיי געשיקט
16. זיי א הולך

## ווען איך... וועל איך...

ווען איך וועל האבן איבריגע $100,000 אין באנק וועל איך זיין פריילעך; ווען איך וועל פארלירן 50 פונט וועל איך שוין אייביג זיין אין א גוטע גיסטע; ווען מיין ווייב וועט מיך אויפהערן שטיין אויף די געהירן וועל איך שוין שטענדיג זיין אויפגעלייגט; ווען איך... ענדיג שוין אליין צו. איז עס טאקע אזוי?

איידער איך גיי אריין אין דער נושא, לאמיר איבערגעבן דאסווארט פאר א גוטער חבר מיינער, ער זאל דערציילן זיין געשיכטע:

## מיין בלינדער חבר

"פאר א צירקע פינף און דרייסיג יאר צוריק, בין איך געבוירן למזל טוב צו א טיפיקל היימישע, ווארימע משפחה. ביים געבוירן האט מען געוואונטשן מזל טוב, צום וואכנאכט האט מען מיר געבענטשט איך זאל וואקסן א צדיק, ביים ברית האט מען געגאסן ברכות אויף מיין קליין קעפעלע - אז איך זאל זוכה זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים. ויקרא שמי בישראל

אברהם יצחק, נאך מיין מאמע'ס טאטע, א דערהויבענער, פארצייטישער יוד. אזוי האט זיך אנגעהויבן מיין לעבן - אזוי ווי אסאך פון ענק - רואיג, היימיש און געשמאק.

"צוויי און א האלב יאר שפעטער, האט מיר מיין געטרייע מאמע אנגעהויבן אויסלערנען די הייליגע א' ב' כדי מיר אנצוגרייטן צו דעם גליקליכן טאג פון מיין אפשערן. אבער עפעס האט עס זיך פארהאנקעט. עפעס א ווערעמל האט זיך אריינגעגעסן אין איר הארץ, אז איך זעה נישט געהעריג.

"מיין מאמע האט זיך תיכף נאכגעפרעגט אויף א גוטן אויגן דאקטאר, און ביז צוויי וואכן בין איך געזעסן אויפ'ן הויכן בענקל מיט א מעכטיגע לייט וואס האט אריינגעשיינט אין מיינע אויגן. די אפוינטמענט האט נישט



גענומען מער ווי קארגע צוואנציג מינוט, אבער מיין לעבן האט זיך דעמאלטס געטוישט אויף אייביג. דער פסק איז געווען אז איך לייד ל״ע אויף א זעלטענע און שווערע אויגן מחלה, און ביז דריי חדשים וועל איך אינגאנצן פארלירן מיין זעה קראפט.

״שאק. שוידער. נישטא קיין ווערטער. נאך יעצט קומט  מיר טרערן אין די אויגן ווען איך טראכט וואס מיין מאמע איז דורכגעגאנגען אין יענע מינוטן. קיין שום מאמע זאל אזוינס נישט דורכמאכן.

״פון דארט און ווייטער איז מיין לעבן געווארן איין לאנגע קייט פון וויזיטס ביי דאקטורים און ספעציעליסטן. אין די צייט וואס אנדערע קינדער מיין עלטער האבן געלערנט די הייליגע א׳ ב׳, בין איך געלאפן פון דאקטאר צו דאקטאר פאר לאנגע חדשים, בשעת וואס איך פארליר מער און מער פון מיין זעה קראפט.

״ביי די דריי אהאלב יאר בין איך שוין געווען פולקאם בלינד לא עלינו. איך וועל אייך נישט אויפהאלטן מיט מיין דורכגאנג אין די קינדערישע און בחור׳ישע יארן, אבער איר קענט זיך שוין אליין פארשטעלן. איך האב נישט געלעקט קיין האניג.

ב״ה איך האב פיין חתונה געהאט, מיט אן אמת׳ע אשת חיל, וואס דער אויבערשטער האט פאר מיר באשערט, אבער דאס לעבן איז נישט קיין פיקניק. מיין פרנסה קומט פון אויפהייבן טעלעפאנס אין אן אפיס, אבער וויבאלד איך קען גארנישט טוהן אליין, טרענספער איך ס״ה קאלס, און מיין ווערדזש איז ממש א שיבוש. איך דארף צוקומען צו פארשידענע צדקה ארגאניזאציעס וואס העלפן מיר ארויס. מיין משפחה צערייסט זיך פאר מיר, אבער איך וואלט אזוי געוואלט זיך אליין קענען מסדר זיין, איך וויל נישט זיין די וועלט׳ס רחמנות. אבער אז דער אויבירשטער וויל אזוי, בין איך עס מקבל באהבה.

״דעם פארגאנגענעם חוה״מ סוכות תשפ״א באקום איך א פאון-קאל פון דעם דאקטאר וואס האט מיך אזוי אומגליקליך געמאכט מיט איבער דרייסיג יאר צוריק:

**איך:** ״העלאו.״

**דאקטאר:** ״א גוטן דא רעדט דר. שמיד, איך האב דיר דיאגנאזירט מיט דעם שרעקליכן אויגן מחלה אלס קינד. איך בין נארוואס געווען ביים יערליכן צאמקום פון די גרעסטע אויגן דאקטורים פון איבער די וועלט, און א געוויסער דאקטאר פון די מאיא קליניק האט פארגעשטעלט א נייע אפאראציע וואס קען מעגליך העלפן פאר די מחלה וואס דו האסט. ער האט געבעטן די דאקטוירים אים צו העלפן טרעפן א געזונטער מענטש אין די דרייסיגער יארן וואס האט די זעלטענע מחלה, כדי צו מאכן א פראבע. איך קוק יעצט צוריק די פיילס פון יענע יארן, און איך זעה אז דו ביסט ממש דער ריכטיגער קאנדידאט. דו האסט במילא נישט וואס צו פארלירן, יעצט ביסטו דאך אינגאנצן בלינד, איך מיין דו זאלסט זיך אנטראגן אלס קאנדידאט פאר דעם טרייעל.״

**איך:** ״דאקטאר, איך האב שוין לאנג אויפגעגעבן האפענונג אויף דעם, איך האב שוין צופיל מאל זיך אנגעלייגט אויף פארשידענע צוגעזאגעכצער, אבער דו ביסט גערעכט, מען דארף פראבירן. איך בין גרייט.״

**דאקטאר:** ״געוואלדיג, איך וועל עס זעהן צו ערלעדיגן.״

**״רבותי, וואס זאל איך ענק זאגן, עס איז יעצט ר״ח כסליו, איך ווער היינט זעקס און דרייסיג יאר, און איך זעה כאחד האדם!!!!!!!!!!!!!!!! איך זעה ווייט, איך זעה נאנט, איך זעה שווארץ, איך זעה ווייס, איך זעה קאלירן! איך זעה ליכטיג, איך זעה טינקל, איך שטיי ביים פענסטער פון מיין דירה און עס גיסן זיך פון מיין אויגן טייכן פון שמחה׳דיג טרערן! איך זעה אידן אהיים שפאצירן, איך זעה ווי די זון הייבט אן אונטערגיין, איך זעה! איך זעה! איך זעה! איך זעה! איך האב היינט פארברענגט צוויי קיילעכיגע שעה׳ן דאנקען דעם זיסן טאטן אין הימל פאר די אויסערגעווענליכע מתנה פון געזונטע אויגן! מיין ווייב דארף שוין נישט לייגן מיין ציין-בערשטל פונקטליך אויפן זעלבן פלאץ כדי איך זאל עס קענען טרעפן, איך קען שוין זעהן! איך דארף איר נישט פרעגן וואס עס ליגט אויף טעלער, איך זעה עס! אוי ווי זיס זענען מיינע ליכטיגע אויגן. אוי טאטע!״**

עד כאן המעשה.

האט איר זיך מיטגעפרייט מיט מיין חבר, איא? פארוואס? וואס הייסט פארוואס, ווייל ער זעהט!!!!

איך קען דיר פרעגן א קליינע שאלה? נאר צוויי ווערטער:

דו זעסט?

## דעפיניציע פון שמחה

וואס איז טאקע פשט, פארוואס איז מיין חבר פרייליך ביזן הימל, און דו נישט?! ביידע שטייען יעצט אייניג. דו זעסט, און ער זעהט. אויב עפעס, וואלסטו געדארפט זיין אסאך מער פרייליך. דו זעסט נישט נאר יעצט, נאר שוין פון ווען דו ביזט געבוירן. וואס איז פשט?

א גוטע שאלה. די תירוץ דערפון ליגט אין דער פשט פונעםווארט שמחה. **שמחה איז די געפיל וואס א מענטש האט בשעת ער ׳עפרישיעיט׳** (אנערקענט) **די גוטע זאכן וואס ער האט.** מיין פיקטיווע חבר ׳עפרישיעיט׳ זיין זעה-קראפט אויף א מורא׳דיגן פארנעם, במילא איז ער מורא׳דיג אויפגעלייגט. דו האסט בעצם אסאך מער אויף וואס צו זיין פרייליך, אבער דו אנערקענסט עס נישט גענוג. עס איז אבער בידך צוצולייגן מחשבה צו די זאכן וואס דו האסט, און דו וועסט אויטאמאטיש זיין בשמחה. דו קענסט זיך דאס אליין איבערצייגן אין איין מינוט. קוק זיך יעצט ארום, און באמערק אלע זאכן אין דיין סביבה וואס זענען פיין: די פרוכת איז שיין; די פענסטער איז ריין; עס זענען דא סידורים בריוח, וכדו׳. עס וועט נישט נעמען לאנג ביז דו וועסט פילן ווי דיין הערצעלע ווארעמט זיך מיט שמחה.

יעדער מענטש פארמאגט הונדערטער זאכן וואס ער האט יא, און הונדערטער זאכן וואס ער האט נישט. די גשם פונעם מענטש, שלעפט אים נאר צו טראכטן פון זאכן וואס ער וויל נאך האבן, אנשטאט הנאה האבן פון די זאכן וואס ער האט שוין (חובת הלבבות שער הבחינה בהקדמה). אבער אויב האסטו נישט קיין הנאה פון די זאכן וואס דו האסט שוין, וואס איז די פוינט פון זוכן נאך זאכן? ביז א וואך צוויי, וועסטו האלטן ביי אלף. אויב דו עפרישיעטסט נאר **נייע** זאכן וואס דו באקומסט, וועסטו כמעט אייביג זיין צוגעלייגט, ווייל עס איז נישט שייך צו באקומען כסדר נייע זאכן. עס זאל זיך דיר נישט דאכטן אז די דו וועסט באקומען 10 מיליאן דאלער וכדו׳, דעמאלטס וועסטו שוין אייביג זיין פרייליך. ווייל נאך א חודש-צוויי וועסטו זיך צו דעם אויך צוגעוואוינען, און עס וועט זיין מפטירין כדאתמול. **אויב דו האסט זיך צוגעוואוינט צו אויגן, און עס מאכט דיך שוין נישט פרייליך, וואס מער איז שייך צו באקומען וואס צו דעם וועסטו שוין נישט ווערן צוגעוואוינט?**

## אבער לוינט זיך דען צו זיין פריילעך?

אויב איך וועל זיין צופרידן ביי די ארבעט וועט מיין בעה"ב מיך קיינמאל נישט געבן קיין רעיז; אויב איך וועל מיך נישט אפרעדן אינדערהיים וועט מיין ווייב קיינמאל נישט ווערן בעסער, וכו' וכו'. איך דארף מיך אפרעדן, כדי מען זאל זען אז איך דארף באקומען מער, ניין?



שתי תשובות בדבר. איינס, לאמיר זאגן אז עס איז אמת, אויב דו ביזט אויפגעלייגט און צופרידן וועסטו באקומען ווייניגער זאכן. לוינט זיך דען צו זיין אגאנץ לעבן מיט אן אראפגעלאזטע נאז? וואס איז געשמאקער פאר א מענטש? - זיין אויפגעלייגט, און מאכן אפאר דאלער ווייניגער, אדער האבן א ביטערע לעבן, אבער מיט אפאר דאלער מער? עס איז דאך ניטאמאל קיין פארגלייך.

צווייטנס, די גאנצע זאך איז א דמיון! מען רעדט נישט דא פון זיין א נער, מען רעדט פון זיין פריילעך. א צופרידענער מענטש וואס וויל מאכן מער געלט, וועט טוהן זיין השתדלות צו מאכן מער געלט, בשעת וואס זיין אנגעבלאזענער חבר וועט נאר זיין פארנומען קרעכצן פארוואס ער מאכט נישט גענוג געלט.

ווען א מענטש איז אויפגעלייגט, איז נישטא קיין זאך וואס קען אים אפשטעלן. ער איז א 'בולדאוזער.' קיין שום זאך קען אים נישט שטיין אין וועג. זיין אויפגעלייגט פאר זיך איז טאקע אפשר נישט קיין מצוה, אבער די מצוות וואס עס קען ברענגען, קען קיין שום אנדערע מצוה נישט ברענגען, וכן להיפך (בית אהרן).

## אבער וויאזוי טוט מען דאס למעשה?

לאמיר ענטפערן ווי א איד - צוריק מיט א פראגע. וואס וואלסטו ענדערש געוואלט זיין רייך אדער אויפגעלייגט? אויב דו דארפסט זיך אויסקלויבן איינס פון די צוויי: אדער וועסטו ווערן רייכער ווי טראמפ, אבער דיין גייסט וועט אייביג זיין אין די אדמה. דו וועסט זיין דעפרעסט און בארעגט אלע דיינע יארן. אדער וועסטו זיין א בלוטיגער ארימאן, אבער שטענדיג אויפגעלייגט. אודאי איז זיין אויפגעלייגט מער וויכטיג ווי האבן אסאך דאלערס. אויב אזוי, וויפיל צייט פארברענגסטו אריינצוברענגען געלט, און וויפיל אריינצוברענגען שמחה? עפעס שטימט נישט. אויב ביזטו מודה אז זיין אויפגעלייגט איז וויכטיגער ווי האבן געלט, פארוואס האסטו נישט באשטימט שעות אריין צו ברענגען שמחה אין זיך? דו אינוועסט 40-50 שעה א וואך צו מאכן געלט? אינוועסט א שיבוש פון די צייט צו זיין פריילעך, און דו וועסט באקומען עפעס בעסער ווי געלט! דו וועסט ווערן א רוח וואס גארנישט אין די וועלט וועט קענען אפשטעלן. זעה די 'שמחה געים' און די זייטיגע קעסטל. עס נעמט איינמאל א שעה, און נאכדעם פינף מינוט א טאג. עס איז גאראנטירט צו טוישן דיין גאנצן בליק אויפן לעבן, צו א העכערע, געשמאקערע, און מער אויפגעלייגטע לעבן. עס איז מפרי עטו פון הגאון ר' נח וויינבערג זצ"ל.



**טאג 1:** פארברענג איין גאנצע קיילעכיגע שעה, אראפצושרייבן אלע גוטע זאכן וואס דו האסט. אויגן, די חוש הראי', קנעפלעך צוצומאכן דיין העמד, די הארטע פלעסטיק ביים שפיץ פון דיינע שיך בענדלעך, א פרידזשידער, א קינד, נאך א קינד, א באבע, וכו' וכו'. יעדע קליינע און גרויסע זאך וואס דו קענסט נאר טראכטן. טו דאס פאר 60 מינוט.

**טאג 2 ביז 30:** לייג צו יעדן טאג, נאך איין זאך וואס איז נאכנישט אויף די ליסטע.

**טאג 31 און ווייטער:** הייב אן לייגן די זאכן אין די סדר פון ווי וויכטיג עס איז פאר דיר. למשל, אויגן אדער פיס - אויב דו דארפסט אויסקלויבן איינס - וואס וואלסטו גענומען? וואס איז מיט די חוש השמיעה אדער די חוש הראיה? א בענקל אדער א בעט? פארברענג פינף מינוט א טאג, צו לייגן די זאכן אין א סדר.

לדוגמא, לאמיר זאגן די ערשטע פיר זאכן האסטו געשריבן 1) סטים (הייצונג) 2) סעלפאון 3) ריינע סינק וואסער 4) א שלאס אויפן טיר. ווערסטו אנהייבן מסדר זיין - 'סטים' און 'סעלפאון,' וועלכע קומט קודם? פשוט אז 'סטים' קומט פאר א 'סעלפאון.' נאכדעם נעם די קומענדיגע זאך: 'ריינע סינק וואסער.' דאס קומט נאך 'סטים,' ווייל אז נישט וואסער פון די סינק, קען מען נאך קויפן געבאטעלטע וואסער, משא"כ סטים, אבער עס קומט אודאי בעפאר 'סעלפאון.' יעצט האסטו שוין די ערשטע דריי זאכן אין א סדר. 'סטים,' 'ריינע סינק וואסער,' און נאכדעם 'סעלפאון.' אזוי ווייטער; נעם פינף מינוט א טאג צו מסדר זיין נאך אפאר זאכן. (עצה טובה: באשטים א צייט ווען דו וועסט עס טון. למשל בעפאר ברכת התורה וכדו', אז נישט וועט עס נישט געשען. אזוי אויך איז גוט לכתחלה אויפצושרייבן די זאכן אויף קליינע קארטלעך, ווי ליידיגע 'פלעש קארדס', כדי עס צו קענען רוקן אין א סדר.) די איינציגסטע זאכן וואס דו זאלסט נישט לייגן אין א סדר, זענען דיינע קינדער. זיי דארפן אלע זיין גלייך.

און יעצט קומט מען אן צום הויכפונקט. דעם קומענדיגן מאל וואס דיין בעה"ב געבט דיר א "פסוק", אדער דו האסט פארלוירן א פופציגער, וכדו', בעפאר דיין נאז פאלט צו דער ערד, נעם ארויס דיין שמחה געים, און טראכט די וויפילטע קארטל אין די רייע וואלסטו געלייגט "מיין בעה"ב זאל עפרישיעיטן מיין ארבעט." פרירער ווי "אויגן", נע! פרירער ווי "שיך"? נישט ממש. דו וועסט געוואויר ווערן, אז די זאכן וואס 'באדערט' דיר, זענען ממש סוף סוף פון דיין אייגן געמאכטע ליסטע. איינמאל דו האסט דאס זאכן אין פערספעקטיוו, ווערט שווערער צו ווערן דעפרעסט וועגן געשעענישן.

# יסוד #7
# זיי אומאפהענגיג

## זיי אומאפהענגיג פון השפעות

לאמיר זיך דא געבן די הענט און זיך געזעגענען. ווייל איך גיי דא איבערציען דעם שטריק, און דו גייסט זיך מעגליך באליידיגן. אבער וואס זאל איך טון, איך זאל נישט זאגן דעם אמת אין פנים אריין? עס איז שוין דא גענוג גליונות וואס בלייבן אויף דיין גוטע זייט. איך בין נישט געמאכט אויף דעם. שוין, זיך אפגעזעגענט, יעצט קען מען גיין ווייטער.

רבי איד, אפשר העלפסטו מיר ארויס. איך שטיי דא אין קאך נעבן מיין זיסע דריי יעריגס, זי האלט אין אירע הענטעלעך פריש געמאלענע טשאלקן (chalk), רחים של יה, און זי וויל עס אריין לייגן אין די ברויט מאשין. זי טענה'ט חי וקים אז זי זעהט מאמי אריינלייגן ווייסע זאכן (מעל) אין די ברויט מאשין, און עס קומט ארויס ברויט. זי וויל אויך זיין גרויס, זי וויל אויך אריין לייגן ווייסע זאכן... וואס קען איך איר מסביר זיין? זי איז דאך א קינד. גיי זיי איר מסביר אז וואס מען לייגט אריין, דאס נעמט מען ארויס. און פון לייגן טשאלק וועט נישט ארויסקומען קיין עסן. די מאשין קען עס נאר אויסארבעטן, אבער נישט טוישן אויף עפעס אנדערש.

אבער דאס איז נאר א קינד. זי כאפט נישט אז די מאשין קען נאר מאכן ברויט פון מעל, און נישט פון גארבידזש. אבער מיר זענען שוין גרויס, מיר ווייסן שוין אז וואס מען לייגט אריין, דאס נעמט מען ארויס. אויב אזוי, אפשר זאגסטו מיר וואס לייגסטו אריין אין דיין מח? דיין מח איז פונקט ווי די ברויט-מאשין, ער נעמט אריין אינפארמאציע, ארבעט עס אויס, און פראדוצירט דעות, מחשבות, הרגשות וכו'. דו האסט גאנצע שיטות, מהלכים און דיעות וויאזוי די וועלט דארף זיך פירן, וואס די וועלט'ס פראבלעמען זענען, וואס די רבנים וואלטן געדארפט טון, פארוואס די סיסטעם ארבעט נישט, וכו' וכו'. וואסערע אינפארמאציע האסטו אריינגעלייגט אין דיין מח וואס האבן פראדוצירט דיינע דיעות? לאמיר אמת'דיג מאכן א חשבון וואס עס גייט דורך דיינע אויערן און אויגן דורכאויס'ן טאג.

פון די סך הכל אינפארמאציע וואס דו פיטערסט דיין מח טעגליך, וויפיל קומט פון קראנטע, ערליכע און ערנסטע מקורות, און וויפיל קומט פון מקוה שמועסערס, קול מבשר פלוידערערס, נייעס זייטלעך, און אנדערע צייט שטיפערס? און דו רעדסט זיך נאך איין אז דיינע דיעות זענען דיינע אייגענע דורכגעטראכטע דיעות... רבותי, דיינע דיעות זענען ס"ה צאמגענומען פון אלעס וואס דו הערסט זיך אן. עס איז א מציאות אז א מענטש ווערט נשפע פון וואס ער הערט און זעהט. ער קען זיך איינרעדן וויפיל ער וויל אז די דיעות זענען זיינע אייגענע, אבער לא דובים ולא יער. אויב ווילסטו האבן קלארע מחשבות, א ריינע מח און א ווארעמע הערצעלע, דארפסטו זיכער מאכן אז דו האסט א שטרענגע פילטער אויף וואס דו פיטערסט דיין מח. 'נאו מאר' גארבעדזש, נאר נארהאפטיגע דעלישעס אינפארמאציע: משניות, גמרא, ערליכע דרשות, חסיד'ישע מוזיק וכו' וכו'.



און דא קום איך אן צום הויכפונקט. איך האב מורא צו רעדן וועגן דעם ענין, ווייל דו וועסט מיר אנקוקן ווי א פרומאק, אדער עפעס א צדיק יסוד עולם. במילא וועל איך איבערגעבן דאס ווארט פאר א כשר'ע מהודר'דיגע גוי, בן אחר בן פון שקצים ורמשים. קוקט אויס אז מען דארף נישט זיין קיין גרויסער צדיק דאס צו פארשטיין.

דא האסטו זיין געשרייבעריי, נאר אביסל איבערגעארבעט עס זאל זיך לייענען געשמאק:

״איך בין אויפגעוואקסן מיט די שיטה אז אן אחריות'דיגער מענטש, מוז ערליך מיטהאלטן די נייעס. היינט צו טאגס - אכט יאר נאכן אויפהערן מיטהאלטן די נייעס - לאך איך פון דעם געדאנק. איינשליינגען גרויסע קוואנטומס פון טרוקענע ידיעות אויף א טעגליכן פארנעם דארף מיר מאכן דורכגעטראכט און אחריות'דיג?! ווען איז בייגעפאלן אזא נארישקייט!

״איך באגעגן נאך מענטשן וואס קענען נישט פארשטיין ווי אזוי א 'נארמאלער' מענטש, קען נעמען די חוצפה נישט מיטצוהאלטן די נייעס. און אפשר האלטסטו אויך אזוי. אבער איך זאג דיר קלאר, ווען דו וועסט אויפהערן מיטהאלטן די נייעס, וועסטו לאכן וויאזוי מענטשן פארברענגען זייער צייט אויף אזא נארישע זאך. פונקט ווי ווען איינער הערט אויף רייכערן, כאפט ער וואסערע שלעכטע גערוך די רייכערן האט געהאט די גאנצע צייט. אדרבא, פרובירט עס אויס אויף א חודש, און זאג מיר צו איך בין נישט גערעכט.

״דא האסטו דריי זאכן וואס דו וועסט באמערקן ווען דו נעמסט א ברעיק פון מיטהאלטן די נייעס: 1. דו וועסט פילן בעסער 2. דו וועסט געוואויר ווערן אז דו האסט בעצם קיינמאל גארנישט פארדינט פון מיטהאלטן די נייעס 3. דו וועסט כאפן אז רוב נייעס שמועסן, זענען פשוט געריעדט פון בויך ארויס. לאמיר עס אויסשמועסן.

## 1) דו ווערסט פילן בעסער

"אן אפטע תוצאה פון 'קוויטן' (אפהאקן פון) די נייעס, איז אז מען ווערט פשוט אין א בעסערע גיסטע. די נייעס צוהערער, ווערלן דיר זאגן אז דאס איז ווייל דו לעבסט נישט אין די מציאות, דו ווייסט נישט וואס עס גייט פאר אויף דער וועלט. דו ביסט ווי די בת היענה וואס שטעקט אריין די קאפ און דער ערד. אבער זייער טענה



שלאגט פאר, אז עס לוינט זיך ענדערש צו האלטן די קאפ אין די נייעס, ווייל דארט איז דא פרישע לופט. דא לאכט מען...

"נאך מער פון דעם, אויב ווילסט איינער באמת וויסן וואס עס גייט פאר אויף דער וועלט, איז די נייעס די ערגסטע פלאץ פאר דעם. די נייעס איז נישט אינטערעסירט דיר צו געבן אן אקוראטע בילד פון וואס עס קומט פאר. זיי שטעלן דיר צו דאס וואס איז 1) אומגעוויינליך 2) שרעקליך 3) ווערט מסתמא ווערן 'אויפגעפיקט.' די געדאנק אז מען קען הערן וואס עס גייט פאר אויף דער וועלט דורך מיטהאלטן די נייעס, איז אבסורד. די נייעס איז די מיסט קאסטן פון די וועלט, דארט קומט אן נאר די גארבידזש. שטעק אריין דיין קאפ טיף און נעם א טיפע אטעם... אויך מיר פרישע לופט.

## 2) דו ווערסט געוואויר ווערן אז דו האסט בעצם קיינמאל גארנישט פארדינט פון מיטהאלטן די נייעס

"א חודש נאכן אפהאקן מיט די נייעס, ווערט דיר זיין שווער אויפצוקומען מיט איין נוצבארע זאך וואס דו האסט דערלייגט. עס ווערט דיר קלאר ווערן אז די אלע יארן פון מיטהאלטן די נייעס האט 'זיראו' אויפגעטון פאר דיין לעבן, דיין שכל, דיין געשמאק, אדער דיין הארץ. דו ווערסט געוואויר ווערן, אז דאס נישט מיטהאלטן די נייעס, האט נישט געמאכט אויפנעמען קיין ערגערע פאליטיקאנטן ווי דאס וואס איז געווען פאר דעם. די פאליטיקאנטן האבן זיך ווייטער געריסן ביי די קעפ אן דעם וואס דו ביזט פארמישט; אלע ערד-ציטערנישן, צינאמיס, און הוריקעינס זענען געווארן קער געגומען פונקט ווי געווענליך, [הוספת המתרגם: דיין רבי'ס טיש האט געהאט פונקט די זעלבע צאל פארענטשעס...] עס שטעלט זיך אויס, אז דיין געוואוינהייט פון מיטהאלטן וואס עס גייט פאר אויף דער וועלט, האט נישט געהאט קיין שום עפעקט אויף די וועלט. ווער וואלט געקענט גלייבן...

"שטעל זיך פאר ווען דו וואלסט ווען אויסגענוצט די אלע שעות זיך אויסצולערנען נוצבארע זאכן, וואו וואלסטו היינט געשטאנען?

## 3) דו ווערסט כאפן אז רוב נייעס שמועסן, זענען פשוט גערעדט פון בויך ארויס

"אז דו ווערסט זיך אמאל צוהערן צו א שמועס ווי מענטשן רעדן פון אן ענין וואס דו קענסט זיך גראדע גוט אויס, ווערט דיר קומען צו לאכן און צו וויינען ווי מענטשן זענען גרייט צו רעדן פאר פייער און פאר וואסער, פאר שעות אין א צי, וועגן נושאים וואס זיי הייבן נישט אן צו פארשטיין. עס איז דא א געוויסע קטנות'דיגער געשמאק צו שיסן מעכטיגע סטעיטמענטס, אפגעזעהן צי עס איז אמת. קאכן אין די נייעס געט די מעגליכקייט פאר מענטשן דאס צו טון. ווי ווייניגער מען ווייסט פון א נושא, אלס בעסער קען מען פלוידערן דערפון, ווייל פון אויבנאויף, קוקט יעדע נושא אויס שווארץ און ווייס. ווי מער מען ווייסט פון א נושא, ווייסט מען אז מען ווייסט נישט, ווייל יעדע זאך האט צדדים און צידי צדדים. אבער פון זאכן וואס מען האט ס"ה געהערט אויף די נייעס, קען מען האקן אויף אלע באקן!"

(דעיוויד קעין)




## פרוביר עס אויס

וויסן זאלסטו, אז עס זענען דא צענדליגער, "פלעינע" היימישע אינגעלייט, וואס האלטן נישט מיט די נייעס. עס וואקסט זיי נישט קיין הערנער... זייערע נעזער ווערן נישט בלוי, זיי בלייבן געהעריג לעבן ווי נארמאלע מענטשן. די איינציגסטע חילוק צווישן דיר און זיי איז אז זיי האבן א רואיגערע געשמאקערע לעבן. דאס אלעס.

לסיכום הענין, אויב האלטסטו מיט די נייעס און סתם פוסטע פלוידערייען, אנאליזן וכדו', זאלסטו וויסן אז דיינע דיעות זענען נישט דיינע אייגענע, עס איז פשוט צאמגענומען אלע גארבעדזש וואס דו האסט געהערט און געזעהן, און געמאכט א גארבידזש קוגל דערמיט. איך רעד שוין נישט אויב דו הערסט אויס גוים רעדן, דעמאלס האסטו דאך סתם א סוער-פייפ גלייך אין מח אריין ר"ל. צו האבן א נארמאלע שכל, דארף מען נעמען דעם מח אויף אן ערענסטן דיעטע, און זיין אומאפהענגיג פון דרויסנדיגע השפעות.

איך האב דיר געווארנט אז מיר גייען זיך דא געזעגענען... אבער אזוי פיל קען איך דיר יא זאגן, אויב דו ווערסט נעמען די ווערטער צום הארצן, און זיך כאטשיג אביסל אפגעוואוינען פון די נייעס, ווערסטו מיר דאנקן אן א שיעור פאר דיין פרישע געשמאק פון - לעבן אין רעאליטעט.

## זיי אומאפהענגיג ביי די תוצאות

אין ירושלים אין א ווינקל, האט זיך לעצטנס אהינגעצויגן א חשוב'ער בנש"ק'ל פונעם רוזינ'ער גזע. ווען ער האט נאך געוואוינט אין ניו יארק, האט ער געהאט א שטיבל, עס האט אבער שוואך מצליח געווען. יעדע מנחה מעריב פלעגט ער שטיין אינדרויסן שלעפן מנין, ער האט געדארפט צאלן געלט פאר אפאר בחורים צו האבן מנין ביי זיין טונקעלע שלש סעודות תורה, בקיצור היבש אויסגעשפילט. לעצטנס האט ער אפגעמאכט אז גענוג איז גענוג, ער מופט קיין ירושלים, אולי יש תקוה. ער האט זיך געקויפט א דירה'לע צוגעטשעפעט צו א קליינעם ביהמ"ד א שטאק אראפ, ויסעו. קומענדיג קיין ירושלים, מאכט ער זיך א חשבון אז נאכאמאל פרובירן זיין מזל ווי אין נ.י. האלט ער נישט דערביי, איז ער אויפגעקומען מיט א מורא'דיגן איינפאל. אומר ועושה. פאר אפאר טאלער צאלט ער פאר א פאכמאן אפצוזונדערן א קליין שטיבל ביי מזרח זייט, הארט נעבן א קליין פענסטערל. דערנאך לייגט ער א צעטל אויפ'ן טיר פון ביהמ"ד מיט די זמנים פון די תפלות, און פארטיג. דער פלאן איז, ער וועט אריינגיין אין זיין צימערל ביים פענסטער, דאווענען מיט א פלאם פייער אז מען זאל עס הערן אינדרויסן, און אזוי וועט די געגנט צוביסלעך געוואויר ווערן פונעם פרישן צדיק נסתר וואס דרייט זיך דא אונטער די נאז. געוואלדיג!

די ערשטע תפלה הייבט זיך אן שב"ק. ער גייט אריין אין זיין צימערל פופצן מינוט בעפאר'ן זמן קבלת שבת, הייבט אן זאגן שיר השירים מיט א פעסטע התלהבות'דיגע קול, אזש זיינע אייגענע אויערן טוען אים שוין ווי, אבער פארפאלן, וואס טוט מען נישט צו קענען משפיע זיין פאר אידן וואס לעכצן... ער מאכט זיכער זיך צו פאר'דביקות'ן שטילערהייט יעדע פאר מינוט, צו הערן אויב די עולם כאפט שוין אז דער צדיק נסתר איז דא. ער דארף דאך וויסן ווען זיך צו מגלה זיין... שבת איז דורך היבש שטיל. אבער ער גיבט נישט אויף, מען איז דאך נישט געקומען אויף דער וועלט צו לעקן האניג.

זונטאג צופרי, א האלבע שעה פאר'ן 'זמן תפלת שחרית', גייט ער אריין אין זיין שטיבל, הייבט אן א קלינגעדיגן הנחת טלית ותפילין, דערנאך א ווארימע תפלה קודם התפלה פונעם ר"ר אלימלך, און אזוי ווייטער. צוביסלעך הייבט עס אן ארבעטן! קודם הערט מען אפאר פיס-טריט זיך צו שארן צום פענסטער מיטהאלטן די דערהויבענע תפלות, דערנאך נאך און נאך, ביז עס איז שוין דא א היבשער עולם אינדרויסן! דאס דאווענען ווערט מער און מער דערהויבן, די טענער גייען העכער און העכער, א מחי'! אוי איז דאס געווען א דאווענען! ביי מנחה און מעריב האט מען געהערט א קלענערע עולם, אבער עס איז צום פארשטיין. ביי מנחה מעריב איז דאך דער עולם מער טרוד. אזוי איז דורך פופצן יאר זינט ער האט זיך געצויגן קיין ירושלים, און קע"ה דער עולם וואקסט ווי אויף הייוועז! דאס אלעס האט זיך געצויגן ביז צו דעם גורל'דיגן טאג ווען ער האט באשלאסן זיך צו מגלה זיין צום עולם, און עפענען דעם פענסטער צו משפיע זיין מאורו.

פארן חשוב'ן בנש"ק'ל, האט געפעלט איין קליינע ידיעה. איין דירה ארויפצוה האט געוואוינט אן עלנדע פרוי. איר חיות אין לעבן איז געווען צו פיטערן די קעץ וואס געפונען זיך בשפע אינעם עיה"ק. זי פלעגט פיטערן די קעצלעך יעדן וואכנטאג, 10:00 אינדערפרי, די זעלבע צייט וואס ער האט געדאווענט. ווען אונזער בנש"ק'ל האט ענדליך געעפנט זיין פענסטער צו משפיע זיין אויפ'ן גרויסן ציבור חסידים ואנשי מעשה, זענען זיך די אלע קעצלעך צעלאפן, צוזאמען מיט זייערע פיסטריט... (די מעשה האב איך געהערט פון הרה"צ ר' יואל ראטה שליט"א, איך האב עס נאר אביסל (אסאך) באפיצט.)

דער פראבלעם פון דעם בנש"ק'ל, האט זיך נישט אנגעהויבן מיט דעם וואס ער האט זיך טועה געווען אז די קאצן פיסטריט זענען מענטשן. עס האט זיך אנגעהויבן מיט דעם, וואס אפילו זיי זענען יא מענטשן, מאכט דאס אויך נישט אויס אין זיין לעבן, זיי קענען פאר די געלט טאקע זיין קעץ אדער מורישקעס (חובת הלבבות שער יחוד המעשה פ"ה).

מיר קענען לאכן א גוטס פון דעם בנשק"ל, ווייל מיר זענען נישט אין זיין שיך. אבער מיר זענען גארנישט אנדערש. מיר טוען זאכן וואס מיר ווילן נישט, צו געפעלען מענטשן וואס מיר גלייכן נישט. די טייערסטע שטח וואס א מענטש פארמאגט, איז די פלאץ אין מח. עס איז נישט צום גלייבן וויפיל פון די שטח מיר דינגען ארויס פאר מענטשן פריי פון אפצאל! צענדליגער מענטשן געפונען זיך באקוועם אין דעם פלאץ אין אונזער קעפעלעך. וואס וועט משה טראכטן; וואס וועט ברוך זאגן; און וואס וועט געצל פילן. דאס איז דאך פריים ריעל עסטעיט! מען געבט דאס נישט אוועק אומזיסט. דאס פלאץ אין מח דארפן מיר האלטן פאר עכטע נוצליכע מחשבות.

למשל, אז איך האב געהערט א גוטע דרשה אויף תפלה, און עס וויל זיך מיר דאווענען מיט א געשמאק. אבער איין מינוט, איך בין דאך נישט פון די מיני מענטשן. וואס גייען מענטשן זאגן? אפשר גייט מען מיך אנקוקן פאני ח"ו חלילה וחס. בקיצור, די קומענדיגע שעה פונעם דאווענען, אנשטאט ארייגלייגן מיין מחשבה אין די ווערטער פונעם סידור'ל און אויסלעקן יעדעס ווארט, גיי איך ארייגלייגן מיין מחשבה אין געפעלען די מענטשן ארום מיר. ממש עובר בל תשחית אויף די כח און צייט!

נאך מער, טראכט אריין א מינוט ווער זענען די באליבטע מענטשן אין דיין שוהל/קהלה וכדו', וועסט באמערקן אז דאס זענען דוקא מענטשן וואס לייגן נישט צופיל דגוש אויף וואס אנדערע טראכטן וועגן זיי. גאר פארקערט! ווי מער מען זוכט צו געפעלען מענטשן, אלס וויניגער געפעלט מען זיי.

אלזא, נישט קיין חילוק צו די ווילסט געפעלן מענטשן צו נישט, אין ביידע פעלער דארפסטו יעדעם האבן טיף פארפאקט. מענטשן קענען דיר נישט העלפן. אח לא פדה יפדה איש (תהלים מ"ט ח') אפילו א ברודער קען דיר גארנישט העלפן ווען עס קומט צו דיין הצלחה.

דער יסוד איז אזוי קריטיש וויכטיג, אז דער הייליגער בעש"ט האט דאס אריינגעלייגט אין די ווערטער פון "שויתי השם לנגדי תמיד." שויתי איז פונעם לשון שוה, גלייך. כדי א מענטש זאל מצליח זיין אין זיין עבודה, מוז זיין ביי אים גלייך, צו מענטש לויבן אים אדער פארשעמען אים (צוואת הריב"ש פרק ב'). אז נישט ביזטו צוגעבינדן צו יעדן שמויגער'ס דעה און דו וועסט זיך נישט קענען רירן! האלט יעדעם גוט פארפאקט, און דין דיין באשעפער. נאר אים דארפסטו אפגעבן דין וחשבון.

עס איז דא איין אויסנאם אין דעם כלל, דהיינו עשה לך רב. איידער דו האסט יעדן פארפאקט, מאך זיכער צו האבן אן ערליכן רב/דיין/מורה-דרך אויף 'ספיד דייל' דיר צו האלטן אויף די רעלסן. דער 'רַב' איז נישט קיין עצה-געבער נאר א פוסק אחרון. לא תסירו מן הדבר אשר יגיד לך ימין ושמאל. וואס ער זאגט איז קדוש.

# למעשה:

כאפ איין נקודה פון דא, אבער נאר איינס! און הייב עס אן טון, חק ולא יעבור. פערציג טעג, נאכדעם קענסטו אויפהערן. (אויב עס וועט דיר נאך גליסטן...) מאך דיר א 'טשארט' צו האלטן חשבון.

### זיי אויפגעלייגט:

נעם א באשטימטע צייט אין טאג, למשל בשעת דו טוסט אן דיין העמד צופרי, וואס דו וועסט ארויסזאגן מיט דיין מויל איין זאך וואס עס גייט דיר גוט. 'שכח אויבערשטער אז עס פעלט נישט קיין איין קנעפל פון מיין העמד!' 'שכח אויבערשטער אז מיין יונגל האט מיך נישט אויפגעוועקט אינמיטן די נאכט וויינען.' וכדו'.

### זיי אומאפהענגיג פון השפעות:

נעם איין קליינע טריט זיך אפצוגעוואוינען פון די צוואנגן פון די נייעס. אויב דו הערסט יעצט קול מבשר יעדע לײדיגע מינוט, מאך אפ נישט צו רופן פריער ווי 12 אזייגער. אויב הערסטו 'אנאליזן' ביים גיין און קומען פון די ארבעט, הער נאר ביים קומען. אויב האסטו דריי טעגליכע נייעס אימעילס, סיין זיך אראפ פון צוויי.

### זיי אומאפהענגיג ביי די תוצאות:

טראכט אריין פון עפעס א פאזאטיווע זאך, וואס דו האלסט זיך צוריק פון טוהן פשוט אלס מה יאמרו הבריות. צו דאס איז אויפהערן רעדן ביים דאווענען, נישט אריין קוקן אין א סמארפאון, אדער אפילו פשוט גיין א ווארימע קוטשמע. האלט יעדעם פארפאקט און טוה צו דער זאך! עד מתי וועסטו לעבן פאר יענעם?!

# חזרה בקיצור:

### הקדמה:

'ווען א ווערעמל עסט זיך אריין אין א כריין, מיינט זי אז קיין זיסערס איז נישטא. לאמיר נישט זיין ווי דעם ווערעמל. לאמיר זיין גרייט אפצולאזן אונזער יעצטיגע 'זיסקייט' כדי צו טועם זיין עפעס בעסערס. לאמיר זיין גרייט אויף די עבודה ארויסצוקריכן פונעם כריין, אנצוקומען צו זיסערס.

### יסוד 1: זיי בעה"ב

ערעב בלאטעניו (דיין חומר) רעדט צו דיר אגאנצן טאג. ער מאכט חשבונות, ער מאכט דילס, 'דריק סנוז נאך איין מאל' כאפ א שנעלע מנין, ס'איז שפעט'. האלט קאפ! באמערק ווען ער רעדט. לאז נישט דעם שמועס איינזייטיג, טענה צוריק מיט שכל. שלאף נישט ווען ער לייגט אריין אן עבודה.

(חובת הלבבות שער ייחוד המעשה פ"ה)

### יסוד 2: זיי מעונג

מיש נישט אויס באקוועמליכקייט מיט תענוג. עס איז צוויי באזונדערע מושגים. באקוועמליכקייט ברענגט דיר נישט גארנישט. תענוג קומט פון עבודה. הן ברוחניות הן בגשמיות. לדוגמא, זיצן אויפן קאוטש איז באקוועם, אבער שווימען איז א תענוג. באטראכט דעם זייגערל דא, און לעב דערמיט וינעם לך.

### יסוד 3: זיי געזונט און שטארק

האלטן די גוף געזונט איז עבודת השם (לשון הרמב"ם). געוואוין זיך איין צו עסן געזונט, גיין שלאפן אין צייט, און מאכן עקסערסייז יעדן טאג.

### יסוד 4: זיי א מאן

**א.** בוי אויף אן אהבה צו דיין ווייב, דורכ'ן זיך מתבונן זיין אין אירע מעלות, און אוועקמאכן אירע חסרונות. **ב.** געדענק אז דיין ווייב איז די עקספערט אין קשר און דו נישט. ושמח את אשתו, שטעל צופרידן דיין ווייב, וועט זי שוין ערלעדיגן אז די קשר זאל זיין פעסט. **ג.** שטעל איר צופרידן דורך די דריי אלף'ס: אהבה (ווי ערקלערט אין אות א'), אטענטשען (געב איר דיין פולער מח ווען דו רעדסט צו איר), און אפרישיעשן (אנערקען איר היים ארבעט וכדו').

### יסוד 5: זיי א טאטע

**א.** דו וואלסט נישט פארקויפט דיין קינד פאר קיין געלט אין די וועלט. אז דו האסט אזא ווערטפולע זאך, מאך זיכער אז דו ניצט עס אויס. פארברענג מיט אים ליבליכע צייט. **ב.** געדענק אז פאר א קינד דארף מען דאווענען, פלאנצן, און בויען. **דאווען** פאר יעדן קינד עקסטער מיט'ן נאמען; **פלאנץ** השקפות און רצונות דורכ'ן זיין א דוגמא אישית און דורכ'ן שמעוסן ווארימע ערליכע שמועסן; און **בוי** דורכ'ן אים איינגעוואוינען צו טון מצות מעשיות. **ג.** חושך שבטו שונא בנו. אבער נאר ווען דו ווילסט נישט! בשעת דו ביזט גערעגט ביסטו פטור פון מצות חינוך. אונס רחמנא פוטריה.



# מכתבים למערכת

## בעט פאר א קורצע חזרה

לכבוד מכון א מחי'

הערליך שיין! זאגסט דאך אזוי גוט! לענ"ד איז כדאי צו מאכן אין יעדן גליון א קורצע סיכום פון די פריערדיגע יסודות, אפילו פון נאר איין שורה פאר יעדן יסוד, און בפרט ווען דו גייסט מאכן פאר יעדן יסוד אן עקסטערע גליון. א גרויסן יישר"כ.

נחמן עקשטיין

### תשובת העורך

*יישר כח פאר די געוואלדיגע געדאנק. נעתרתי לבקשתכם. זעה אינעווייניג.*

## נתפעל פון די שלום בית טיפס

לכבוד הרב עורך גליון א מחי'.

עס איז ממש נישט צום גלייבן ווי איר האט ערצייגט אריין צו שטופן אזא מעכטיגע זעץ אין דעם ענין פון שלום בית אין נאר איין בלעטל! און נאך בחינם. א גרויסן שכח.

יואל ברוינשטיין

## בעט צו שרייבן מער פאראמאל

לכבוד עורך הגליון הנפלא 'א מחי'.

א גרויסער יישר כח פאר די גליונות. עס איז טאקע א מחי'! עס איז אינפארמאטיוו, גאר מסודר, געשמאק אראפגעלייגט, און שיין אילוסטרירט. די מפתח אנפאנג ווייזט אז דאס איז נישט סתם געמאלן וואסער...

נאר איין הערה: אפשר וואלט געווען כדאי צו שרייבן מער רעספעקטפול און פארמאל... (מ'זאל נישט פילן ווי מ'ליינט סתם עפעס א נארישע שרייבער.. נאר) ס'זאל טראגן די ריכטיגע ווערדן ערך.

ישראל מאיר פריד

### תשובת העורך

*איך האב באקומען אסאך הערות אויף דעם ענין. סיי קאמפלימענטן פאר די שמועס'דיגע שפראך, און סיי קריטיק פארן זיין צו ביליג. איך אין דעם גליון האב איך פרובירט צו זיין מער באלאנסירט מיטן שפראך.*

## די עקסערסייז צאלט זיך אויס!

לכבוד מכון א מחי'

א גרויסן שכח פאר די מורא'דיגע גליונות. איך האב שוין געמאכט איין טאג די 'זיבן מינוט עקסערסייז'. איך האב נאר געקענט מאכן האלב דערפון, אבער איך האב שוין תיכף צוריקבאקומען אסאך מער אין צייט און קוואלעטי צייט.

ז. רויזענבערג

# מכון א מחי'!


פעקס:
845.777.8015

אימעיל:
Mechon.A.Mechayeh@gmail.com



**אלו יעמדו על הברכה על נדבת לבם לזכות את הרבים**

**דיסטריביושן אין בארא פארק**
נתנדב ע"י הרה"ח ר' **אהרן שווארץ** הי"ו
לע"נ האה"ח מרת לאה חי' ניימאנן בת ר' אברהם ע"ה

**דיסטריביושן אין מאנסי**
נתנדב ע"י הרה"ח ר' **מרדכי דוד ניימאנן** הי"ו
לע"נ מורי ורבי הרב ר' ישראל נח בן הרב ר' יצחק מתתיהו וינברג זצ"ל

**מו"ה ש. יאקאבאוויטש הי"ו**
לזכות החתן משה בן אסתר ריטשל והכלה הינדא פיגא בת חנה געלא

**מו"ה אברהם ברוין הי"ו**
לע"נ משה יצחק הן אברהם ע"ה
ולע"נ רבקה בת ר' מאיר ע"ה

**מו"ה משולם זושא קעסלער הי"ו**
לע"נ יודא עזריאל בן אלכסנדר זושא ע"ה ולע"נ מרת רחל בת ר' שלום ע"ה

**מו"ה ח. אבערלענדער הי"ו**
לע"נ ריזל בת שאול יחזקאל
יארצייט ה' שבט

**הרוצה בעילום שמו**
לע"נ הגה"צ ר' אשר יעקב בן ר' אהרן זצ"ל

**מו"ה חיים האלצער הי"ו**
לע"נ האה"ח מרת ציטל בת ר' שלום ארי' ע"ה

**הרוצה בעילום שמו**
לע"נ חיה בת ר יצחק דניאל ע"ה

**הרוצה בעילום שמו**
לזכות שמעון בן שרה רבקה

**מו"ה מ. שניצלער הי"ו**
לע"נ ברוך יודא בן משולם זושא ע"ה

**מו"ה י. גרינבוים הי"ו**
לע"נ בנימין זאב בן יוסף ע"ה

**מו"ה ש. ווייס הי"ו**
לזכות החתן יוסף בן בילא שהחתונה יהיה בשעטו"מ!

**הרוצה בעילום שמו**
לע"נ יחיאל שרגא ב"ר נח ע"ה

**מו"ה י. בראנדסדאפער הי"ו**
לע"נ יוסף בן יצחק פרץ ע"ה

**מו"ה ל. זילבערמאן הי"ו**
לכבוד עורך הגליון שליט"א

**מו"ה דוב דייטש הי"ו**
לע"נ הקדוש משה צבי ע"ה ב"ר אברהם שלום אהרן ני"ו


**די גליון קומט ארויס פון צייט צו צייט אויף אימעיל, צו באקומען שיקט Subscribe צו Mechon.A.Mechayeh@gmail.com**

**פיינע נייעס! איר קענט שוין אויסהערן די מחי'דיגע יסודות, זאפטיג אראפגעלייגט אויף קול הלשון. 718.521.5231 *7 און נאך דעם 998606**

המזכה את הרבים, אין חטא בא על ידו. זייט מחי' הונדערטער אידישע קינדער! ערמעגליכט צו פארשפרייטן דעם קומענדיגן גליון אין פרינט. ספאנסערט א געגנט!